NAJER FOLKSBLAT

Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem.

פרייז 15 גראשען

היינט 8 זייטען

# נייער פאלקסבלאט

№ 239 | Łódź, Poniedziałek, 20 października 1930 r. | אכטער יאהרגאנג | לאדז, מאנטאג, כ"ח תשרי תרצ"א | № 239

Adres Redakcji i Administracji: **Łódź, Piotrkowska 21, tel. 224-71.** — אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע: לאדז, פעטריקאווער 21, טעל. 224=71

# פוילישער אמבאסאדאר אין אמעריקא לייקענט

## די „אינפארמאציעס" פון בערלינער קארעספאנדענט וועגן מזרח-גאליציען

וו א ר ש א, 19. (טעלעפאניש פון אונזער קאר־רעספאנדענט) אין ניו־יארקער „העראלד טריבון" איז אפגעדרוקט געווארען א קארעספאנדענץ פון איהר בערלינער קארעספאנדענט דזשאן עליאט, וועלכער האט בעזוכט מזרח־גאליציען און שילדערט די דארטיגע פערהעלטנישען און מורא'דיגע פארבען.

עליאט דערצעהלט, אז גלחים און פרויען וואס ווערען ארעסטירט שמייסט מען ביז חלשות, אז וועלנער קאנפיסקירען אין די דערפער תבואה און בע צאהלען נישט דערפאר קיין גראשען; אז אין די טורמעס געפינען זיך 200.000 ארעסטירטע אוקראי־נער. בכלל דערצעהלט עליאט וועגן שרעקליכע רדיפות א. א. וו.

דער פוילישער אמבאסאדאר אין די פעראייניג־טע שטאטען כלאפאווסקי וועלכער איז איצט צוריק־געקומען פון פוילען האט פערעפענטליכט אן ערקלע־רונג אין וועלכער ער לייקענט אפ די אלע פער־עפענטליכע ידיעות פונ'ם בערלינער קארעספאנדענט און ווענדעט זיך צו די קארעספאנדענטען פון די גאליציען און פערזענליך זיך איבערצייגען אין דעם אמעריקאנער צייטונגען אז זיי זאלען בעזוכען מזרח וויפיל אמת ס'איז פערהאן אין די שילדערונגען פון עליאט.

### חיים פרוזשאנסקי

וו א ר ש א, 19. (טעלעפאניש פון אונזער קאר־רעספאנדענט) היינט 12 א זייגער בייטאג איז פלוצ־לונג געשטארבען דער ארויסגעבער פון מאמענט חיים פרוזשאנסקי.

דער פערשטארבענער איז געשטארבען ביי פאלגענדע בעדינגונגען: זיין פרוי וואוינט לעצטענס אין א"י, פון וואנען פרוזשאנסקי איז נישט לאנג צוריקגעקומען. זיין זוהן וואוינט אין לאנדאן און דער פערשטארבענער וואוינט שוין זייט 3 יאהר אליין אין א צימער אין האטעל ליפסקי אויף ביעלאנסקא 3. בייטאג האט ער זיך דערפיהלט נישט גוט, ער האט זיך אויפגעהויבען און בעוויזען נאך צוקומען צום גלעקעל, כדי אנצוקלינגען נאך א דינער או ואיז געפאלען ביים גלעקעל, בעקומענדיג א הארץ־שלאק.

וועגען טויט פון פרוזשאנסקי איז מיטגעטיילט געווארען זיין פרוי און דעם זוהן אין לאנדאן, די לויה וועט פארקומען דינסטאג אדער מיטוואך, ווען דער זוהן וועט קומען.

* * *

חיים פרוזשאנסקי איז אלט געווען 65 יאהר ער איז געבוירען געווארען אין שטעטעל מאטעל ביי פינסק, ער איז געווען גרינדער פון מאמענט און האט גענומען א שטארקן אנטייל אין יודישען גע־זעלשאפטליכען לעבען. דער פערשטארבענער איז געווען א מיטגליד פון ווארשאווער ציוניסטישען וועד עירוני און פון א רייה געזעלשאפטליכע אינס־טיטוציעס.

---

טיף ערשיטערט פון דער טרויעריגער נאכריכט וועגען דעם פריה־צייטיגען טויט פון

# נ"ע ישראל קוטנער

דריקען מיר אויס דער שווער-געטראפענער פאמיליע אונזער טיפסטען ביילייד. זיין אנדענקען וועט שטענדיג בלייבען אין אונזער זכרון.

**קליינהענדלער פון דער הייוועז-בראנזשע אין לאדז.**

א קוואליפיצירטער

**דאמען= שניידער=ארבייטער**

בעשטעלט, קען זיך מעלדען

ביי לייזעראוויטש, גדאנסקא 25

נאך קורצע און שווערע ליידען איז דעם 10-טען אקטאבער ה. י. געשטארבען אין קארלסבאד מייז ליבער מאן, אונזער טייערער און אונפערגעסליכער פאטער, ברודער, שוואגער און אנקעל

# נ. ע. ישראל ב"ר שמשון ז"ל קוטנער

**סוחר, איז בליהענדער עלטער פון 35 יאהר.**

די לויה קומט פאר היינט, מאנטאג, דעם 20. אקטאבער ה. י. פון דער משאות=סטאציע ביי דער קאלישער באהן = ליניע, ענדע 6=טען שערפיען (בענעדיקטא), 12 א זייגער בייטאג. די לויה וועט אויך אדורכגעהן ביים טרויער=הויז, זגערזשער 14, וועגען וואס עם טיילט מיט איז גרויס צער

**די פערבליבענע פאמיליע.**

דערמיט דריקען מיר אויס אונזער טיפסטע ביילייד דער שווערגעטראפענער **פאמיליע קוטנער** צוליב'ן פריהצייטיגען טויט פון זייער אונפערגעסליכען מאן און פאטער

# נ"ע ישראל קוטנער

**מיטאינהאבער פון דער פירמע „Hurtownia Drożdży"**

אין פערשטארבענעם פערלירען מיר א טרייען פריינד און אקטיווען מיטארבייטער.

כבוד זיין אנדענקען!

**פירמע „Hurtownia Drożdży", אגראדאווע 9**

נאך לאנגע שווערע ליידען איז נעכטען געשטארבען אין עלטער פון 50 יאהר מיין ליבער מאן, אונזער טייערער און אונפערגעסליכער פאטער, ברודער, שוואגער און אנקעל

# נ. ע. שמואל חיים ב"ר יהודה ז"ל גרדוק

די לויה קומט פאר היינט, מאנטאג, דעם 20. אקטאבער ד. י. 12 א זייגער בייטאג פון טרויער-הויז, זגערזשער 79, וועגען וואס עס טיילען מיט אין גרויס צער

**די טיפטרויערנדע הינטערבליבענע.**

1911

אונזער ליבען פריינד **לאלעק און פאמיליע** צוליב'ן טויט פון זייער אונפערגעסליכען מאן און פאטער נ. ע.

# שמואל חיים גרדוק

דריקען מיר אויס אונזער איניגסטען מיטגעפיהל.

זייט געטרייסט!

**די נאהענטסטע פריינד.**

